# מער אינפארמאציע און הילף.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט (New York State Department of Health)**
health.ny.gov/diseases/aids/publications

**ניו יארק סטעיט HIV/AIDS האטליינס (טאל-פריי)**
ענגליש: 1-800-541-AIDS
שפּאַניש: 1-800-233-SIDA
TDD: 1-800-369-2437

קול רופערס קענען נוצן די ניו יארק רילעי סיסטעם 711 אדער 1-800-421-1220 און בעט דעם אפערעיטאר צו דרוקן 1-800-541-2437

**NYSDOH אנאנימע HIV קאונסעלינג און טעסטינג פראגראם**

פאר HIV אינפארמאציע, רעפערעלס, אדער אינפארמאציע ווי אזוי צו באקומען אן אומזיסטע, אנאנימע HIV טעסט, רופט די אנאנימע HIV קאונסעלינג און טעסטינג פראגראם.

אלבאני ראיאן: 1-800-962-5065
באפעלא ראיאן: 1-800-962-5064

**לאָנג אײַלאַנד ראיאן (סאפאלק/נאסאו):**
1-800-462-6786

**לאוער האדסאן וועלי ראיאן:**
1-800-828-0064

**ראטשעסטער ראיאן:** 1-800-962-5063; TDD:
1-585-423-8120

**סיראקיוז ראיאן:** 1-800-562-9423

**ניו יארק סיטי: 311 פאר אינפארמאציע אויף DOHMH STD קליניקס**

# מער אינפארמאציע און הילף.

**ניו יאָרק סיטי HIV/AIDS האטליין**
1-800-TALK-HIV (825-5448)

**נאציאנאלע צענטערס פאר קראנקהייט קאנטראל (National Centers for Disease Control) STD האטליינס**
ענגליש/ספאניש 1-800-232-4636,
TTY 1-888-232-6348

**ניו יארק סטעיט HIV/AIDS קאונסעלינג האטליין**
1-800-872-2777

**ניו יארק סטעיט פארטנער סערוויסעס (New York State Partner Services)**
1-800-541-AIDS

**ניו יארק סיטי קאנטאקט נאטיפיקאציע הילף פראגראם:**
1-212-693-1419

**געהיימקייט**

**ניו יארק סטעיט געהיימקייט האטליין:**
1-800-962-5065

**לעגאלע שריט צענטער: (Legal Action Center)**
1-212-243-1313 אדער 1-800-223-4044

NEW YORK STATE | Department of Health

21210 (Yiddish) 5/18

# ערוואַרט דעם טעסט

די העלט קעיר פאסיליטי פאלגט נאך גוטע מעדעצינישע פראקטיס און פובליק געזונטהייט געזעץ דורך צושטעלן HIV טעסטינג צו אלע פאציענטן פון 13 יאר און עלטער.

## רוטינע לאַבאָראַטאָריע טעסטס

- ✓ גלוקאז
- ✓ כאלעסטעראל
- ✓ HIV טעסט
- ✓ גאנצע בלוט קאונט
- ✓ ליפיד פראפייל

**ערגסטע HIV סטאטוס: אומבאוואוסט. טעסטינג שטעלט אייך אין קאנטראל.**

hivtestny.org, Health.ny.gov/aids, NYC.gov/health

# הויפט פאקטן צו וויסן איידער איר נעמט אן HIV טעסט.

- HIV טעסטינג איז פרייוויליג און אלע HIV טעסט רעזולטאטן ווערן געהאלטן געהיים (פריוואט).
- HIV קען זיך פארשפרייטן דורך נישט באשיצטע סעקס, מיטטיילן נידלען, געבורט, אדער זייגן.
- באהאנדלונג פאר HIV איז אפעקטיוו, האט ווייניג אדער גארנישט קיין זייטיגע ווירקונגען, און קען אריינעמען דאס נעמען נאר איין פיל א טאג.
- פארטנערס קענען האלטן איינער דעם צווייטן פארזיכערט דורך וויסן זייער HIV סטאטוס און נעמען HIV באהאנדלונג אדער נעמען HIV פרי–עקספאזשער פראפילעקסיס (pre-exposure prophylaxis, PrEP). נישט מיטטיילן נידלען און פראקטיצירן פארזיכערטערע סעקס וועט העלפן באשיצן פון HIV, העפאטייטיס C און אנדערע STDס.
- עס איז אומלעגאל צו דיסקרימינירן אנטקעגן א מענטש צוליב זייער HIV סטאטוס.
- אנאנימע HIV טעסטינג (אן געבן אייער נאמען) איז אוועילעבל ביי געוויסע פובליק טעסטינג פלעצער.
- HIV טעסטינג איז א רוטינע טייל פון העלט קעיר אבער איר האט דעם רעכט זיך צו ווידערשטעלן אדער אנטזאגן אן HIV טעסט.
- אויב איר ווילט אנטזאגן HIV טעסטינג, לאזט אייער העלט קעיר פראוויידער וויסן.

# HIV טעסטינג איז ספעציעל וויכטיג פאר שוואנגערדיגע פרויען.

- א פרוי וואס לעבט מיט HIV קען אריבערפירן דעם ווירוס צו איר קינד בשעת שוואנגערשאפט, געבורט, אדער דורך זייגן.
- עס איז א סאך בעסער צו וויסן אייער HIV סטאטוס פאר אדער פרי אין די שוואנגערשאפט אז איר זאלט קענען מאכן וויכטיגע באשלוסן איבער אייער אייגענע געזונט און די געזונט פון אייער קינד.
- HIV טעסטינג ווערט דורכגעפירט ווי פרי מעגליך אין אייער שוואנגערשאפט און נאכאמאל אין די דריטע טרייםעסטער מיט פאציענטס צושטימונג.
- אויב איר זענט שוואנגער און האט HIV, איז דא באהאנדלונג אוועילעבל פאר אייער אייגענע געזונט און צו פארמיידן דאס אריבערפירן HIV צו אייער קינד.
- אויב איר האט HIV און באקומט נישט קיין באהאנדלונג איז די שאנס אריבערצופירן HIV צו אייער קינד איינס אין פיר. אויב איר באקומט יא באהאנדלונג, איז די שאנס אריבערצופירן HIV צו אייער קינד אסאך נידריגער.
- אויב איר טעסט נישט דורכאויס שוואנגערשאפט, וועט אייער פראוויידער רעקאמענדירן טעסטינג ווען איר זענט אין לעיבער. אין יעדע פאל, וועט אייער קינד ווערן געטעסט נאך געבורט. אויב אייער קינד'ס טעסט איז פאזיטיוו, מיינט עס אז איר האט HIV און אייער קינד איז געווען אויסגעשטעלט צו דעם ווירוס.

רעדט מיט אייער העלט קעיר פראוויידער וועגן ווי אזוי און ווען איר וועט אויסגעפינען וועגן אייער HIV רעזולטאטן.

**א מענטש וואס לעבט מיט HIV וואס איז אויף HIV באהאנדלונג און איז ווייראלי דערדרוקט פאר 6 חדשים אדער לענגער האט פאקטיש קיין שום ריזיקע פון אריבערפירן HIV צו א פארטנער דורכאויס געשלעכטליכע באציאונגען. דאס ווערט גערופן נישט דעטעקטעבל באדייט אומאריבערפירבאר (Undetectable equals Untransmitable אדער U=U).**

**טעיטס געזעץ באשיצט די געהיימקייט (פריוואטקייט) פון אייער HIV טעסט רעזולטאטן. עס באשיצט אייך אויך פון דיסקרימינאציע באזירט אויף אייער HIV סטאטוס.**